גוט שבת אלע אידן. מען זאגט ביים סדר "כל דכפין ייתי וייכול," יעדער איינער וואס איז הונגעריג זאל קומען עסן. זאגט דער נביא "הנה ימים באים נאם אד' ה' והשלחתי רעב בארץ לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמע את דברי ה'." (עמוס ח,יא) עס וועט קומען די טעג ווען דער אייבערשטער וועט מאכן א הונגער אין די וועלט, נישט קיין הונגער פאר עסן, נאר א הונגער צו לערנען תורה. היינטיגע טעג זעט מען ב"ה א גרויסע כוואליע פון תשובה אין די וועלט. עס קען זיין על פי דרש, אז ווען די הגדה זאגט "כל דכפין ייתי וייכול," מיינט עס מרמז צו זיין אויף די ווערטער פונעם פסוק "לא רעב ללחם" ד"ה, אז פסח האט א שייכות צו "קירוב רחוקים."

פסח האט א געוואלדיגע כח צו משפיע זיין תשובה אויף אידן. ווען מען דערציילט דעם אייבערשטען'ס נסים ביים סדר, ווערט יעדער איינער נתעורר צו וועלן זיין א חלק פונעם אייבערשטען'ס עם סגולה. משל למה הדבר דומה. ווען דער מיליטער וויל מאכן אז מענטשן זאלן וועלן אריין קומען אין ארמיי, די סאלדאטן מאכן שיינע מארשן און דער מיליטער דערציילט ווי אזוי זיי האבן מצליח געווען אין מלחמה וכו'. אלעס איז כדי צו מאכן א רושם אויף יענער כדי ער זאל וועלן זיך מצטרף זיין אין דעם מיליטער. אזוי איז עס סדר נאכט ווען מיר דערציילן די נסים פון יציאת מצרים, טוט יעדער איד וועלן מצטרף זיין צום באשעפער'ס מיליטער. איז לאמיר יעצט דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס ווייזט אויף דעם געוואלדיגע זכות וואס מען קען זוכה זיין דורך מקרב זיין אידן אין פסח.

ר' בנימין שווארץ (נישט זיין עכטע נאמען), וואס וואוינט היינט אין בני ברק, איז א שטארקע כח אין דעם קירוב פעלד אין ארץ ישראל. איין יאר, אפאר יאר צוריק האט אים גערופן א קירוב מוסד "לכל קראיו" צו קומען מאכן א ריזיגע פסח סדר פאר בערך א הונדערט בעלי תשובה אין בני ברק. ר' בנימין האט גלייך מסכים געווען ווייל ער האט עס געזען אלס א געוואלדיגע געלעגנהייט צו מקרב זיין נאך אידן צו אבינו שבשמים. אבער, ווען ר' בנימין איז געקומען צו דערציילן צו זיינע קינדער אז זיי גיין מאכן דעם סדר צוזאמען מיט א הונדערט פרעמדע מענטשן, זענען זיי נישט אזוי צופרידען געווען מיט דעם פלאן.

נאכדעם וואס זיי האבן עס דורכגעשמועסט, האט ר' בנימין געמאכט א פשרה: ער וועט אנפאנגען דעם סדר אינדערהיים מיט זיין משפחה און ערשט ביי "מגיד" וועט ער גיין צו דעם גרויסן סדר וואס איז געווען אין דעם געגענט פון זיין הויז. ביים גרויסן סדר פון די בעלי תשובה וועט ער פירן דעם סדר און זאגן זיין דבר תורה. און שפעטער וועט ער צוריקקומען אהיים צו ענדיגען דעם סדר מיט זיין בני משפחה. יעדער איינער איז געווען צופרידען מיט דעם פלאן.

די הייליגע סדר נאכט איז אנגעקומען און ר' בנימין איז אהיימגעקומען פאן שול מיט א פרייליכע הארץ גרייטענדיק אנצופאנגען זיין סדר. אבער "רבות מחשבות בלב איש..." ווען ר' בנימין איז אהיימגעקומען איז זיין פרוי געשטאנען ביים טיר. עס איז געווען אן עמערזשענסי און זי האט געמוזט אריינגיין אין שפיטאל! ר' בנימין'ס פרוי האט אים געזאגט אז ער זאל איר נישט באגלייטן צום שפיטאל, ווייל ער האט געדארפט גיין פירן דעם סדר פאר די בעלי תשובה. אבער, בנימין האט געשפירט אז עס האט אויסגעפעלט אז איינער זאל איר באגלייטן ווייל עס איז געווען פיקוח נפש. זיי האבן נישט געהאט אסאך צייט צו רעדן וועגן דעם, ווייל עס איז געווען טאקע אן עמערזשענסי.

צום סוף האט ר' בנימין זיך גע'עקשענט אז ער מוז מיטפארן מיט איר. ווען זיי זענען אנגעקומען צום שפיטאל, האט ר' בנימין'ס פרוי געזאגט צו אים אז ער מעג שוין גיין צו די בעלי תשובה סדר. און זי האט געזאגט אז עס וועט זיין א זכות פאר איר, אויב ר' בנימין וועט איר פארלאזן כדי ער זאל קענען גיין מקרב זיין די אידן. צום סוף האט ר' בנימין מסכים געווען דערצו און ער האט אנגעפאנגען צו גיין שנעל צו דעם גרויסע זאל וואו די בעלי תשובה האבן געווארט אויף אים.

נימין האט זיי איבערגעבעטן און ער האט זיי מסביר געווען פארוואס ער איז געקומען אזוי שפעט. ער האט געפירט דעם סדר פאר בערך א שעה און די בעלי תשובה האבן זיך מחיה געווען פון זיין ווארעמע דברי תורה, חיזוק און אפאר מעשיות אויך. נאכדעם האט ער זיי נאכאמאל איבערגעבעטן און ער איז צוריקגעלאפן צום שפיטאל צו וויסן וואס טוט זיך.

ווען ער איז אנגעקומען צו דעם צימער ווי זיין בני בית איז געווען, האט זי דערציילט א מורא'דיגע מעשה וואס איז געשען ווען ער איז אוועקגעגאנגען. ווען ר' בנימין האט פארלאזט דעם שפיטאל, איז דער מצב גראדע געווארן ערגער. פלוצלינג איז אריינגעקומען אין אירע שטוב א חשוב'ע רביצען פון בני ברק. יענע רביצען איז געשטאנען לעבן ר' בנימין'ס פרוי און די רביצען האט איר געהאלפן דורכן שווערן מצב. ווי שנעל די רביצען איז אנגעקומען אזוי שנעל איז זי אוועקגעגאנגען ווען די זאך האט זיך ב"ה געענדיגט בשלום.

ווען ר' בנימין'ס פרוי האט דערציילט דעם מעשה, איז זי פלוצלינג דערשראקן געווארן ווייל זי האט יעצט געכאפט אז יענע רביצען איז שוין נישט געווען אויף די וועלט א גוטע פאר יאר! זי האט אנגעפאנגען צו טראכטן אז אפשר איז עס געווען סתם א חלום.

דעם נעקסטען טאג א' דפסח, איז ר' בנימין געגאנגען פרעגן ר' חיים קניבסקי שליט"א וועגן דעם. ר' חיים האט אים געענפערט אז עס איז מסתבר אז דער מעשה איז אמת און עס איז נישט קיין חלום, ווייל א פרוי וואס איז מוסר נפש פאר תורה איז זוכה צו נסים גלויים – אפענע נסים! מיט דעם האט ר' חיים אנגעוואונטשן ר' בנימין א ווארעמע "מזל טוב" און ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין פרוי צו דערציילן וואס דער גדול האט געזאגט וועגן דעם מורא'דיגען פאסירונגען. גוט שבת אלע אידן.

**מערכת "עונג שבת" מאחלת לכל אנ"ש א הארציגע "חג כשר ושמח אלע אידן"**

נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)